צווייטע, קאַרעגירטע, אויפלאַגע.
העפטל 25 3 פּענס

# קאַווקאַזער בערג

א. נ. שטענצל

לאָנדאָן, ווייטשעפּל. יולי, 1942

## פאַר די קאַווקאַזער בערג-יידן

פון די קאַווקאַזער בערג, פון יענע יידן,
איז מיין עלטער־זיידע אַרויסגעקומען,
דערקאָנט איך האָב עס נאָך אין מיין טאַטנס וואָנס,
זוען ער פלעגט אין זיין טיפן צער פאַרשטומען;

און אין זיין געקאַרבטן ליכטיקן שטערן,
ווען ער פלעגט זיך קנייטשן אין האַרטע פאַלטן,
און אין זיין פושקעלע פון טולער זילבער
ווו ער האָט זיין שאַרפן טאַבעק געהאַלטן;

נישט ווייל ס׳איז פון טולער זילבער געוועזן, —
אַ טאַבאַק פושקעלע קאָן מען זיך קויפען! —
נאָר דאָס אַרויסנעמען עס פון קעשענע,
דאָס אויפמאַכן עס, און דער גאַנצער אופן:

נישט אַ שמעק טאַבעק ער וואָלט געטון נעמען —
שאַרפע בערג־לופט אין זיך אַריינגעזויגן!
און דער זשמור דעמלט אין די ברעמען זיינע,
איבער דעם שוואַרצן גראַניט אין די אויגן — — —

און אפשר איז מיין עלטער־זיידע געוועזן
אַן אור־אייניקל גאָר פון די קאָזאַרן?
איז מיין לעבן נישט אַזאַ טשערקעסן פערד,
ווילד יאָגנדיק דורך תהומען געפאַרן — —

פון די קאַווקאַזער בערג, פון יענע יידן,
איז מיין עלטער־זיידע אַרויסגעקומען,
איך פיל׳ס אַצינד אין מיין שטומען אויפציטער,
און פונ׳ם צער, וואָס מיין האַרץ ס׳איז באַנומען —

אין זילבער־באַשטיקטן בוכאַרן־קאַפּל
האַלט איך מיך אַצינדערט אין איין דערמאָנען,
אין וועלכן טאַטע איז געוועזן אָנגעטון,
ווען ר׳איז צו נעילהביים עמוד געשטאַנען —

— — — — — — — — — — — —

## סעוואַסטאָפּאָל

איבער אַלע הערצער אַזאַ ציטערדיקע קעלט,
אַ גלאָק הענגט אויפגעהאָנגען איבער דער גאָרער וועלט:
סעוואַסטאָפּאָל — — —
סעוואַסטאָפּאָל — — —

איז עס דער פרייהייטס גלאָק איבער די מענטשליכע קעפּ,
אָדער פירט מען די וועלט איצט צו קבורה אין זיין סטעפּ:
סעוואַסטאָפּאָל — — —
סעוואַסטאָפּאָל — — —

אַ בעקן־פול מיט זידיקן בלוט דער גאַנצער קיילעך ערד,
און ס׳איז דער טעמפּער קלאַנג נאָך דער שווערער וועלכן מ׳הערט:
סעוואַסטאָפּאָל — — —
סעוואַסטאָפּאָל — — —

פון אַזוי פיל לעבענס לעצטער הייליקער פאַרלאַנג,
זייער ווידער־קול וועט דויערן ווי די וועלט אַזוי לאַנג:
סעוואַסטאָפּאָל — — —
סעוואַסטאָפּאָל — — —

## דער דאָן

קאָן מען דעם דאָן פון די ברעגעס אַרויסהויבן,
אַזוי פון אונזערע הערצער אונזער גלויבן.

גלין־גלאָן, גלין־גלאָן, גלין־גלאָן,
אין פלאַמען שטייט דער דאָן!
אויפגעריסן הענגען די בריקן!!
אָפּגעהאַקטע קעפּ פון קאַלמיקן,
שווימט די לבנה אויפ׳ן דאָן — — —
גלין־גלאָן, גלין־גלאָן — —
גלין־גלאָן, גלין־גלאָן — —

גלין־גלאָן, גלין־גלאָן, גלין־גלאָן,
אין פלאַמען שטייט דער דאָן!
און די קאָלכאָזן, די פאַבריקן!!
מיט אונזער בלוט ס׳פייער דערשטיקן,
נישט גענוג וואַסער ס׳האָט דער דאָן — — —
גלין־גלאָן, גלין־גלאָן — —
גלין־גלאָן, גלין־גלאָן — —



## אין די קאַווקאַזער בערג

האָט זיך נישט איבער די הרי־אררט
די טרינקנדיקע תיבה אָפּגעשטעלט?
און איצט אינם מבול אינם בלוטיקן
וועט געראַטעוועט ווערן דאָרטן די וועלט.

די בשורה־טויב נישט אַן איילבירטן בלאַט —
פון אַ געפאַלענעם זיין האַרץ אין איר מויל,
אַן אויפהער זי קומט אָנגעפלויגן אַזוי,
און נאָך ברויזנדיקער דער בלוטיקער גרויל — — —

פון מיליאָנען לייבער, אויפגעריסענע,
ווי פון קוואַלן שפּרודלט עס זידיק אַרויס!
די גאַנצע וועלט מיט אַלצדינג וואָס אין איר
אָפּצוואַשן מיט זייער ווילדן געברויז — — —

נישט אַ רעגן־בויגן ערגעץ אויף הימל,
אַז אַזאַ בלוט־געוויסער זאָל מער נישט זיין,
די לעבעדיגע עדות איצט, דאָ אונטן,
יעדער שפּאַן ערד, יעדער פאַרבלוטיקטער שטיין.

אַז שטאַרקער ווי דער פאַלטשער — דער גערעכטער,
ס׳זאָל בלייבן דער אייביקער צייכן אַצינד,
נישט אין אַ מבול — אין אייגן זידיק בלוט
אָפּגעוואַשט ס׳מוז ווערן די מענטשליכע זינד.

און איז נישט צוגעשמידט צווישן די בערג דאָרט
פּראָמעטעאוס, * דער געוואַלטיקער, דער העלד?
טויזנטער העלדן צעפּיקן די אָדלערס,
ווייל זיי ברענגען ליכט איצט דער גאַנצער וועלט —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

* לויט גריכישע מיטאָלאָגיע, האָט דער גאָט, צעאוס, פּראָמעטעאוס׳ן צוגעשמידט צו די קאַווקאַזער בערג און אָדלערס פּיקען זיין לעבער, אים צו באַשטראָפן, ווייל ער האָט גע׳גנב׳עט דאָס ליכט פון הימל.

## פראמיטעאוס
### (די באלאדע פון די קאווקאזישע בערג)

ברילן דאָס די לייבן ווידער צווישן די פעלזן,
זיין טריפנדיק בלוט זיי דערשמעקן פון דערווייטן ?
ס׳הערט דאָך נישט אויף פון זיינע ווונדן דאָס רינען,
און פונם געסאַרפּע — אין די געקאָוועטע קייטן ;

פליען ווידער אָן די אָדלערס זיין לעבער צו פּיקן ?
איבער זיין צערווישטן קאָפּ דאָס ווילדע געפלאַטער !
אָ, ווען עס קיינמאָל נישט אויפהערן, נישט שטיל ווערן,
פון זיין צעשונדענעם גוף דאָס בלוטיקע געמאַטער —
— — — — — — — — — — —

רייסט זיך פּראָמיטעאוס אין די בערג, קאַווקאַזישע,
די גאַנצע ערד מיט זיך מיט־איבערצוקערן,
פונם האַרמאַטן געהילך איצט און באַמבערס געזשום
אין זיין פיבערדיקן שלאָף איבערגעריסן צו ווערן :

לויפנדיקע וועלף מיט צעצונדענע אויגן —
איבער זיין קאָפּ ליכט־סיגנאַלן, בלינד אַזש צו ווערן !
די בערג־טאַנקס אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ —
זיין בלוט אויסצולעקן די ברומענדיקע בערן.

מיט די טויזנטער פאַרווונדעטע, צעכאַרכלטע,
צעצאַפּלטע שוין אין זייערע לעצטע געשרייען,
וואַרפט ער זיך געוואַלטיק אין ווילדע פיבערן,
די גאַנצע וועלט מיט זיך מיט איבערצודרייען —

ס׳איז דאָך דער שוואַרצער ים יענער פולער בעקן נאָך —
דער בלוטיקער גליוער פון זיינע ערשטע ווונדן !
און דער קאַספּישער — פול מיט זיינע קאַלטע אַנגסטן,
ווען מ׳האָט אים צו די פעלזן דאָ צוגעבונדן.

די נישט אויסגעוויינטע, פאַרקוועטשע, די טרערן דעמלט —
פון די תהומות דאָ די אויפפלאַמענדיקע קוואַלן !
אין די פינסטערע נעכט זיי רייסן זיך אַרויס ווי,
מיט וועלף געהייל און מיט וויינען פון שאַקאַלן.



ליגט ער דאָ, דער געוואַלטיקסטער פון די ריזן,
צום געשפּעט פון די מענטשן און פון די געטער,
עס טרייסלען די בערג, די הימלען ציטערן מיט,
ווען זיין גרים ער שרייט אויס מיט שטורעמדיקסטן וועטער —

איבער די ווילדע וועלדער קייקלט זיך דונערדיק
דער עכאָ פון זיינע יסורים׳דיקע געוואַלדן,
פון זיינע ברענענדיקע בליקן, דאָס בליצן,
צינדן זיך פלאַמען אָן איבער די פעלזן שפּאַלטן :

„וואָס האָב איך דען געטון ? — זאָל זיין גע׳גנב׳עט אפילו ! —
עלויזעאיש־ליכט די פינסטערע וועלט צו באַלייכטן — — —
פעלט דען אויס צעאוס׳ן הימלישע ליכטיקייטן,
איבער איין פונק, אים צו זען, אַזאַ גרימיק פאַרקייכטן ?

אָ, דיין רציחה דעמלט, דיין ווילדע אכזריות,
איז עס ווייל אַ פונק ליכט איך האָב דיר צוגענומען ?
ניין, נישט פון די יסורים — פונם נישט משיג זיין דיך !
צעאוס, איך וועל צווישן די בערג דאָ פאַרקומען —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —“

איצט ערשט באַגרייפט ער, איצט ערשט פאַרשטייט ער,
זיינע שוואַרץ־אַפּלען מיט ליכטיקייטן צעברענען :
איינגעהאַלטענע טרערן מוזן געזאַמלט ווערן,
די גאַנצע וועלט מיט איין פונק ליכט באַלייכטן צו קענען !

און ווען מ׳וועט אים אַצינד פון די קייטן דאָ אָפּבינדן,
די גאַנצע וועלט מיט ליכטיקייט ער וועט צעצינדן — —
שטורקאַצן, געוואַלטיקע, די נאַפּט־פעלדער אַרום דאָ,
נישט צו ווערן פאַרלאָשן פון די בייזעסטע ווינדן.

איצט ערשט ווייסט ער עס, איצט ערשט באַגרייפט ער עס,
נישט אים צו שטראָפן האַלט צעאוס אים דאָ אַ געשמידטן !
אויסדערוויילט מ׳האָט אים, דעם שטאַרקסטן פון די ריזן,
דאָס פונק ליכט, דאָס הימלישע, צו באַהיטן.

נישט גרימיקן לייבן־געבריל הערט ער אַצינד,
נישט אויפגעוועקט ס׳האָט אים געקריי פון אָדלער סטייעס — —
מיט זייערע כלי־זיין ס׳קומען מענטשן אָן,
די ווילדעסטע פון אַלע בלוטיקע חיות — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

שראַפּנעלן אַזעלכע פולע מיט גליאיקע שרויטן —
איבער זיין פינסטערן קאָפּ דער הימל מיט שטערן!
און יעדע זון, יעדע ליכטיק אויפגייענדיקע,
אַן אונטערגעלייגטע באָמבע אויפגעריסן צו ווערן — —

און אַז זיי דעם פונק, אַז זיי וועלן אים איצט צונעמען,
די גאַנצע וועלט וועט אויפגיין אין שטיקענדיקע פלאַמען!
אין די בערג, אין די קאַווקאַזישע, פּראָמיטעאוס,
אַלע זיינע כחות אַצינד נעמט ער צוזאַמען.

די גרעסטע יסורים, די רציחיש בלוטיקסטע,
מיט לעצטן אָנשטרענג אַצינד אויסצוהאַלטן,
אָ, ביז אין די פינגער־שפּיצן ער שפּירט אים שוין,
יענעם אַנגסט־שווייס, יענעם אויפטרייסלדיקן קאַלטן —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

די קלינג אָבער פון זיין שווערט, זיין געשליפענער,
אונטער יעדן באַרג דאָ טיף ליגט זי באַהאַלטן,
און מיט טויזנט שלאַנגען, מיט גיפטיקע,
זי וועט אויפצוקן פון די פעלזן שפּאַלטן.

דער הערמאַלין איבער זיין מאַיעסטעטישער אַקסל,
פון צעאוס דעמלט גרימיק אַראָפּגעריסן,
ס׳איז דער שניי דאָ אַלץ, איבער די העכסטע בערג שפּיצן,
מיט הונדערטער טייכן נישט צו קענען צעפליסן — —

און אַצינד דער פאַרבלוטיקטער דאָן און די וואָלגאַ,
ס׳איז דער פרישער פורפור איבער זיין מאַנטל צו ציען,
יאָ, דאָס פלאַטערדיקע געוויש איבער זיין קאָפּ —
שטאָפּעטן־אָדלערס מיט הימלישע בשורות צעפליען.



## מזרח-פראנט

נאָך פאַלן אירע זין יעדע רגע,
נאָך בלוטיקט זי פון יעדן איר גליד,
אונטערן געקלאַפּ פון טויזנט טאַנקן
ווערט איר קראַפט ערשט געוואַלטיק געשמידט —

דאָס שפּיל פון כיטראָ און פון חניפה,
פון זיין אייגענעם קאַמף ס׳ווערט שוואַך און מיד,
אָבער נישט דער כוח, דער ריזיקער,
ווען אויף אייגן לעבן דאָס שווערט שוין ער ציט.

נישט אין פּאַרלאַמענטן, נישט אויף בערזעס,
און נישט אויף פרומער קאַנצל, מיט „גאָט באַהיט" —
די גאַנצע ערד שטייט אין פלאַמען אַצינד,
אין די פייערן דער פעניקס זיך אויסבריט.

יענער פויגל, יענער אויסגעבענקטער,
וואָס איבער דער גאַנצער וועלט ער פליט,
אין זיין רויט־צעשליפענעם, זיין שנאָבל,
יענס שלום־בלאַט צעוויקלט און צעבליט —

עס איז תוהו־ובוהו אין מענטשנס האַרץ,
וואָס פאַרעמט זיך אויס מיט בלוטיקן געזיד!
האַרמאַטען פּיסקעס, „נאַ־שטיך"־געשרייען
ס׳איז דאָס אויסרופן אויף לעצטן יעריד.

און אַז אין רייכער גאַס, אויפגעשראָקענער,
ס׳וואַרט אויף מהומות שוין דאָ דער ייד,
כשר־שטיינער, — אין פליישיקן טריפה־טאָפּ! —
די הערצער, צעצאַפּלטע און צעגליט?

אָבער די אָרעמע גאַס, געפּעסטיקט,
פול מיט גלויבן איר צעציטערט געמיט
און אין יעדן האַרץ, אַ צעפלאַקערטס,
וווּנדערליך אַ בשורה פלאַטערדיק אויפבליט:

נאָך פאַלן אירע זין יעדע רגע,
נאָך בלוטיקט זי פון יעדן איר גליד — —
אַזאַ גנאָד צו ברענגען איבער דער וועלט,
פאַר אַלע מענטשן אָן אונטערשיד — — —

# „די בירגער פון קאַלעי״ *
## (צוויי סאָנעטן צום „צווייטן פראָנט״...)

1

ווי לאַנג נאָך האָבן זיי געקענט אויסהאַלטן,
ווי די בעטלערס צו וואַרטן דאָ און צו שטיין — —
אָ, דער טיפער אָפּגרונט צווישן יאָ און ניין !
דעם הימל כאַטש מיט זייערע קעפּ צו שפּאַלטן —

ס׳האָט ראָדען איבער זיי זיין האַמער געהאַלטן !
זיי זיינען דאָס געביין פון זיין געביין,
דאָס פאַרביסנסטע פון צווישן זיינע ציין —
נישט אויף אַ פּיעדעסטאַל בראָנזענע געשטאַלטן !

ווי לאַנג האָבן זיי דען אויסהאַלטן געקענט ?
אָ, דער שטילער תהום צווישן יאָ און ניין !
און האָט דען ווער געזען צומאָל זייער אַוועקגיין ?

דער „ביג בען״ נאָר אויף דער צווייטער זייט פאַרלאַמענט
האָט זיי נאָכגעקלונגען מיט זיין געקלאַנג,
און די טעמזע מיט איר האַמעטנעם וועלן־גאַנג.

2

די מיילער פאַרביסן, פולע מיט געוואַלטן,
צעגריזשעטע אויסגעצערט און פאַר׳צער׳ט,
די באַקן קנאָכיק־שפּיציק אויסגעדאַרט.
פון די אויגן־לעכער, ווי פון פעלזן־שפּאַלטן,

קוקט עס צוריקגעצויגן און איינגעהאַלטן,
ווי די לעצטע רגע זייערע אָפּגעוואַרט — —
האָט די וועלט זיי, זיי זי — אָפּגענאַרט !
קנייטשן זיך האַרט די שטערן פאַלטן.

גייען זיי מענטשן אין די גאַסן דאָ אַרום,
בראָנזענע אַזעלכע, און פאַרביסן שטום...
די „בירגער פון קאַלעי״ די שטאָט צו דערלייזן !

אויף זייער לעצטן וועג צו שפּאָט און צו שאַפּאָט,
האַמעטנע שווער מיט טויט שוין אין זייער טראָט,
די גאַנצע וועלט בלוטיקט אונטער זייערע שפּרייזן.

14־טן יולי, 1942

---

* דער מאָנומענט וואָס אויגוסט ראָדען האָט געשאָנקען דעם ענגלישן פאָלק ווי אַ צייכן פון דאַנקבאַרקייט פאַרן העלפן אין וועלט־קריג, און מ׳האָט אים אויפגעשטעלט ביים פאַרלאַמענט.

---

געדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי (ט.יו.), 131־129 קאַוועל סטריט, א.1.